30 און נאָך אַ סך אַנדערע נסים האָט ישוע געטון
פֿאַר זײַנע תּלמידים, וואָס שטייען נישט געשריבן
31 אין דעם דאָזיקן ספֿר. און די דאָזיקע זענען געשריבן
געוואָרן, כּדי איר זאָלט גלייבן, אַז ישוע איז דער
משיח, דער בן אלקים, און אַז גלייבנדיק, זאָלט
איר האָבן לעבן אין זײַן נאָמען.

## קאַפּיטל איין און צוואָנציק

1 נאָך דעם האָט ישוע זיך ווידער באַוויזן צו די
תּלמידים בײַם ים פֿון טבריה; און האָט זיך
2 באַוויזן אויף אַזאַ אופֿן: עס זענען געווען צוזאַמען
שמעון פּעטרוס און תּומא, וואָס מען האָט אים
גערופֿן דידומאָס, און נתנאל פֿון קנה אין גליל, און
זבדיס זין, און אַנדערע צוויי פֿון זײַנע תּלמידים.
3 זאָגט שמעון פּעטרוס צו זיי: איך גיי פֿאַנגען פֿיש!
זאָגן זיי צו אים: מיר וועלן אויך קומען מיט דיר.
און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, און זענען אײַנגעשטיגן
אינם שיפֿל; און אין יענער נאַכט האָבן זיי גאָרנישט
4 געכאַפּט. און ווען עס איז שוין געווען אינדערפֿרי,
איז ישוע געשטאַנען בײַם ברעג; דאָך האָבן די
5 תּלמידים נישט געוואוסט, אַז עס איז ישוע. און
ישוע זאָגט צו זיי: קינדער, צי האָט איר נישט
עפּעס צו עסן? האָבן זיי אים געענטפֿערט: ניין!
6 ער אָבער האָט צו זיי געזאָגט: וואַרפֿט אַרײַן די
נעץ אויף דער רעכטער זײַט פֿונם שיפֿל, און איר
וועט געפֿינען. און זיי האָבן אַרײַנגעוואָרפֿן און
האָבן זי מער נישט געקענט אַרויסציִען, צוליב דער
7 מאַסע פֿיש. זאָגט יענער תּלמיד, וועלכן ישוע האָט
ליב געהאַט, צו פּעטרוסן: עס איז דער האַר! און ווי
שמעון פּעטרוס האָט געהערט, אַז עס איז דער האַר,